# מענטשן וועלכע ארבעטן מיט פויגל פלייש: באשיצט אייך קעגן פויגל פלו

פויגל פלו (אויך באקאנט אלץ אוויען אינפלוענזע) קען זיך פארשפרייטן צווישן פויגלען אזוויי הינער, אינדיק און קאטשקעס. די H5N1 סטרעין הרג'עט רוב אנגעשטעקטע פויגלען.

פויגל פלו, ארייגערעכנט H5N1, קען זיך אויך פארשפרייטן צו חיות און מענטשן ווען זיי רירן אן צואה אדער אנדערע קערפער פליסיגקייטן פון קראנקע פויגלען.

**איר זענט אין געפאר פון כאפן די פויגל פלו וויבאלד איר ארבעט מיט פויגלען.**

## נעמט זיכערהייט מאסנאמען

טראגט פערזענליכע שיצונג געצייג (personal protective equipment, PPE) ווען איר ארבעט מיט קראנקע אדער טויטע פויגלען.

- זיכערהייט גלעזער אדער פנים פאנצער
- N95 מאסקע
- קאפ צודעקט אדער האר צודעקט
- הענטשון
- שיך און שיך צודעקט
- קליידער וועלכע באשיצן קעגן וואסער
- שירצל וואס באשיצט קעגן וואסער

וואשט אלעמאל גוט אפ אייערע הענט מיט זייף און וואסער איידער'ן אנטון אדער אויסטון PPE.

וואשט אייערע קליידער און רייניגט אייערע שיך נאכ'ן ארבעטן מיט פויגלען.

## סימפטאמען פון פויגל פלו אין מענטשן

- רויטע, ציפעדיגע אדער רינעדיגע אויגן
- היסן
- האלז ווייט
- רינעדיגע אדער פארשטאפטע נאז
- פיבער אדער טרייסלונגען
- מוסקל אדער קערפער ווייטאגן
- קאפווייט
- מידקייט
- אטעמען פראבלעמען
- דייעריע

**אויב איר האט סיי וועלכע פון די סימפטאמען נאכ'ן ארבעטן מיט קראנקע אדער טויטע פויגלען, זאלט איר גיין צו אייער העלט קעיר פראוויידער אדער רופן די ניו יארק סיטי העלט דעפארטמענט אויף 347-665-0209. מען קען באקומען באהאנדלונג.**

פאר הילף מיט'ן טרעפן א דאקטער, אפגעזען פון אייער אימיגראציע אדער אינשורענס סטאטוס, רופט 311 אדער 844-692-4692.

פאר מער אינפארמאציע, באזוכט **nyc.gov/health/birdflu** אדער סקען'ט די QR קאוד.

NYC Health
12.25 Yiddish